# ספעציעלע עדיוקעישן הירינגס

## וואס זיך צו ריכטן ביי דער OATH ספעציעלע עדיוקעישן הירינגס אפטייל

אפיס פון אדמיניסטראטיווע פראצעסן און הירינגס
66 John Street, New York, NY 10038

# תוכן


**ספעציעלע עדיוקעישן פאלן ביי OATH ..... 1**

**אומזיסטע געהעריגע פובליק עדיוקעישן FAPE ..... 2**

**דאס רעכט צו אן אדוואקאט ..... 2**

**באקומען א הירינג ..... 3**

**בעפאר אייער הירינג ..... 3**

1. דער דיסטריקטס ענטפער ..... 3
2. פענדענסי אדער "בלייבן שטיין אויפן ארט" ..... 3
3. די רעזעלוציע זיצונג און צייטליניעס ..... 4
4. אויסגלייך קאנפערענץ ..... 5
5. קאנפערנץ פארן הירינג ..... 5
6. די אנטפלעקונג ..... 6

**בשעת אייער הירינג ..... 7**

1. לאקאציע ..... 7
2. עלטערנס רעכטן ..... 7
3. דעם עול צו דערווייזן ..... 7
4. די אויסשטעלונגען ..... 7
5. דער אריינפיר-טענה ..... 8
6. עדות ..... 8
7. די אויספיר דעקלעראציעס ..... 9

**נאך אייער הירינג ..... 10**

1. טראנסקריפטן ..... 10
2. די החלטה ..... 10
3. אפעלירונגען ..... 10
4. דורכפירונג ..... 10

**ווער איר דארפן האבן אן פארטרייטשער? ..... 11**

**מער אינפארמאציע ..... 11**

## וויכטיגע הכחשה

די אינפארמאציע געדרוקט דא איז געמיינט צו העלפן די פובליק און איז נישט געמיינט אלץ א לעגאלע עצה. די אינפארמאציע האט נישט קיין לעגאלע אדער אויטאריטיווע ממשות און קען נישט ווערן אנגעטראגן ביי OATH אדער ערגעץ אנדערש אלץ לעגאל אויטאריטעט אדער פרעצעדענט. קיין שום רעפרעזענטאציע אדער גאראנטיע ווערט נישט געמאכט אדער קען ווערן אויסגעטייטשט אז די אינפארמאציע געדרוקט דא איז טיפאגראפיש אדער תוכיק פונקטלעך אדער גאנץ, און OATH וועט נישט טראגן דאס אחריות פאר קיין אומאקוראטקייט אדער נישט גאנציק. באזונדער, קיין שום רעפרעזענטאציע אדער גאראנטיע ווערט נישט געמאכט אדער קען ווערן אויסגעטייטשט אז די תקנות, געזעצן, באפעלן, החלטות אדער אנדערע לעגאלע מקורות אויף דעם וועבזייטל זענען פונקט אדער גענצלעך באשריבן דא, און OATH וועט נישט טראגן דאס אחריות פאר קיין אומאקוראטקייט אדער נישט גאנציק. באניצערס מוזן זיך פארלאזן אויף אפיציעלע לעגאלע רעסורסן באשטימען גילטיגע און פראצעדורישע געזעץ, ווי אויך דער תוכן פון סיי וועלכע תקנות, געזעצן, באפעלן, החלטות, אדער אנדערע לעגאלע מקורות דערמאנט דא.

# ספעציעלע עדיוקעישן פאלן ביי OATH

דער געהעריגער יורידישע פראצעס טענה
↓
דיסטריקט ענטפער
↓
פענדענסי
↓
רעזאלוציע זיצונג
↓
דער הסכם און קאנפערענצן פארן הירינג
↓
די אנטפלעקונג
↓
דער אויסהער
↓
די החלטה
↓
אפעלירונגען
↓
דורכפירונג

די מענטשן מיט אינוואלידישע עדיוקעישן אקט (IDEA) און אפטייל 504 פון דער רעהאביליטאציע אקט פון 1974 (אפטייל 504) זענען פעדעראלע געזעצן.

IDEA פארזיכערט אז סטודענטן מיט אינוואלידישקייט באקומען די ריכטיגע ספעציעלע עדיוקעישן סערוויסעס.

אפטייל 504 פארבאט דיסקרימינאציע קעגן סטודענטן אדער עלטערן מיט אינוואלידישקייט.

ווען איינע פון די עלטערן און די שולע דיסטריקט זענען נישט איינשטימיק וועגן די סערוויסעס וואס א סטודענט דארף באקומען לויט די געזעצן, קען מען אנהאלטן אן אביעקטיווען געהעריגן יורידישן פראצעס אלץ א וועג פון לייזן דעם סיכסוך. אין ניו יארק סיטי, די דעפארטמענט אוו עדיוקעישן (DOE) איז דער "דיסטריקט".

אן אביעקטיווער געהעריגער יורידישער פראצעס איז אזוי ווי א משפט אין געריכטזאל נאר ווייניגער פאָרמעל. דער קעיס וועט ווערן באשטעטיגט דורך אן אביעקטיווען אויסהערער אפיצער (IHO), אן אדוואקעט אטעסטירט ביי ניו יארק סטעיט עדיוקעישן דעפארטמענט. דער IHOs אויפגאבע איז אויסצוהערןביידע צדדים און מחליט זיין, אויב עפעס איז נישט ריכטיג און ווי אזוי דאס צו פארריכטן.

דער דאקומענט שילדערט וואס זיך צו ריכטן ווען אייער קעיס ווערט איבערגעגעבן צו א IHO פון דער ניו יארק אפיס פון אדמיניסטראטיווע פראצעסן און הירינגס (OATH).

## אומזיסטע געהעריגע פובליק עדיוקעישן (FAPE)

**FAPE:** דער דיסטריקט מוז צושטעלן פאר יעדעס קינד וואו איז פאסיג פאר ספעציעלע עדיוקעישן סערוויסעס מיט אומזיסטע געהעריגע פובליק עדיוקעישן. וויכוחים וועגן ספעציעלע עדיוקעישן קענען זיין "מיט א רייכן אינהאלט" אדער "פראצעדורעל".

**וויכוחים מיט א רייכן אינהאלט** זענען וועגן דעם סארט אדער וויפיל סערוויסעס זענען געהעריג פארן סטודענט. צום ביישפיל, תביעות מיט א רייכן אינהאלט קענען כולל זיין חילוקי דעות אויב די אינדיווידועליזירטע עדיוקעישן פראגראם (IEP) גיט דעם סטודענט די הילף וואו זיי נייטיגן זיך אין לייענען, אדער אויב א שולע קען צושטעלן דעם סטודענטס געברויכן.

**פראצעדורעלע וויכוחים** זענען צי דער דיסטריקט האט אויסגעפאלגט דעם אפשאצונג אדער די IEP פראצעדורן אינעם געזעץ. למשל, פראצעדורעלע וויכוחים זענען כולל צי דער IEP שטאב האבן זיך געטראפן אָן די עלטערן, צי די אפשאצונגען זענען געמאכט געווארן אין דער געפארדערטע צייטליניע.

**די זענען נאר אפאר ביישפילן פון די סארטן חילוקי דעות'ן וואס קענען ווערן געלייזט דורך אן אביעקטיווען געהעריגן יורידישן פראצעס הירינג.**

## דאס רעכט צו אן אדוואקאט

איר האט דאס רעכט זיך מייעץ זיין מיט אן אדוואקאט. איר קענט אויך ברענגען אן אדוואקאט צו אייער הירינגס און קאנפערענצן. אויב איר דינגט אַן אדוואקאט און געווינט אין אייער הירינג, קענט איר זיין בארעכטיגט צוריק צו באקומען פונעם דיסטריקט פארן קאסט פון שכל'דיגע אדוואקטס באצאלונג. אסאך ארגאניזאציעס שטעלן צו אומזיסטע אדער נידעריגע-קאסט הילף פאר פאמיליעס אין ניו יארק סיטי וואס האבן צו טון מיט ספעציעלע עדיוקעישן הירינג פראצעס. א ליסטע פון ספעציעלע עדיוקעישן עלטערן צענטערס, לעגאלע סערוויסעס און אדוואקאט ארגאניזאציעס זענען צום באקומען אויף OATH's וועבזייטל. ביטע טראכט פון קאנטאקטן איינע פון די ארגאניזאציעס פאר הילף צו פארשטיין דעם הירינג פראצעס אדער אויב איר דארפט האבן הילף צו טרעפן אן אדוואקאט.

**באמערקונג: די טייל ליסטע פון לעגאלע סערוויסעס ווערט צוגעשטעלט אלץ א פובליק סערוויס. OATH גיט נישט קיין לעגאלע עצהס און רעקאמענדירט נישט קיין אדוואקאט אדער ארגאניזאציע.**

## באקומען א הירינג

איינע פון די עלטערן אדער דער דיסטריקט קען פארלאנגען אן אביעקטיווען געהעריגן יורידישן פראצעס הירינג דורך איינגעבן א געהעריגע יורידישע פראצעס טענה (DPC). דער DPC זאל געבן צו פארשטיין דעם פראבלעם (אדער וואו דער דיסטריקט האט נישט ריכטיג געטאן) און זאל פארשלאגן ווי אזוי דער דיסטריקט זאל פארריכטן דעם פראבלעם. אינפארמאציע ווי אזוי אויסצופילן א DPC איז אויף דער DOEs וועבזייטל, [דא](#).

## בעפאר אייער הירינג

### 1. דער דיסטריקט ענטפער

ווען איר גיט איין א DPC, מוז דער דיסטריקט ענטפערן שריפטלעך אין ווייניגער ווי 10 טעג אויסער אז זיי האבן אייך שוין געשיקט א דאקומענט וואו רופט זיך א פריערדיגע געשריבענעם באמערקונג (PWN) וואו אדריסירט אלע ענינים אין דער DPC.

### 2. פענדענסי אדער "בלייבן שטיין אויפן ארט"

בשעת'ן הירינג, האט דער סטודענט דאס רעכט צו דער פראגראם און סערוויסעס וואו די עלטערן און דער דיסטריקט האבן שוין מסכים געווען איידער דער וויכוח האט זיך אנגעהויבן. די רופן זיך "בלייבט שטיין אויפן ארט" אדער "פענדענסי" סערוויסעס. פענדענסי סערוויסעס ווערן עפעקטיוו גלייך נאכדעם וואו א DPC ווערט איינגעגעבן און דארף נישט ווערן צוריקגעצאלט, אפילו אויב איר צום סוף פארלירט דעם קעיס.

אויב איר און דער דיסטריקט קענען נישט מסכים זיין אויף פענדענסי סערוויסעס, קענט איר פרעגן דעם IHO פאר א פענדענסי הירינג.

פענדענסי הירינגס זענען קורצע הירינגס וואו ביידע זייטן זאגן וואס זיי גלויבן זענען געווען די לעצטע סערוויסעס וואס זיי האבן ביידע מסכים געווען אז דער סטודענט זאל באקומען אלץ פענדענסי סערוויסעס. דער IHO וועט באשטעטיגן וועלכע פענדענסי סערוויסעס וועלן זיין. איר אדער דער דיסטריקט קענט אפעלירן דעם IHOs פענדענסי החלטה (זעט בלאט 9 פאר מער אינפארמאציע וועגן אפעלירונגען).

## 3. די רעזעלוציע זיצונג און צייטליניעס

נאכדעם וואס איר גיט איין א DPC, האט איר און דער דיסטריקט בדרך כלל 30 קאלענדער טעג צו פראבירן לייזן דעם קעיס צווישן זיך. דאס רופט זיך דער רעזעלוציע פעריאד. דער דיסטריקט מוז רעזערווירן א "רעזעלוצע זיצונג" נישט שפעטער ווי 15 טעג נאכן איינגעבן א DPC.

***עס איז וויכטיג צו ענטפערן די הזמנה ווייל דער הירינג קען ווערן אפגעלייגט אדער ארויסגעווארפן אויב איר נעמט נישט אנטייל אין דער רעזעלוציע זיצונג.***

דער ציל פון דער רעזעלוציע זיצונג איז אז איר און דער דיסטריקט זאלן אדורכשמועסן דעם קעיס און פרובירן אויסארבעטן די פראבלעמען אין דער DPC. די רעזעלוציע זיצונג מוז האבן איינער פון דעם דיסטריקט וואס האט אינפארמאציע וועגן דעם קעיס און האט דעם כוח צו לייזן די פראבלעמען אין דער DPC.

אין אלגעמיין, ענדיגט זיך דער רעזעלוציע פעריאד 30 טעג נאכדעם וואס איר גיט איין דעם DPC. אויב איר און דער דיסטריקט טרעפן זיך און קענט נישט גרייכן א רעזעלוציע, קענט איר בעטן די IHO צו ענדיגן דעם רעזעלוציע פעריאד פריער.

***נאכדם וואס דער רעזעלוציע פעריאד ענדיגט זיך, האט דער IHO גאנצע 45 טעג צו האבן א הירינג, איבערגיין דער באווייז, און ארויסגעבן אן ענדגילטיגע החלטה.*** דער 45 טעג טערמין רופט זיך די "אויספאלג דאטע". אויב איר אדער דער דיסטריקט דארפט האבן מער צייט, דאן קענט איר אדער דער דיסטריקט בעטן די IHO צו פארלענגערן די אויספאלג דאטע.

***די דיסציפלין קעיסעס:*** די צייטליניעס זענען אנדערש אויב אייער DPC האט א שייכות מיט ארויסנעמען אייער קינד פון זייער שולע פאר דיסציפלינירטע סיבות. די רעזעלוציע פעריאד פאר דיסציפלין קעיסעס איז 15 טעג, און דער דיסטריקט מוז באשטעלן א רעזעלוציע זיצונג נישט שפעטער ווי 7 טעג ווי DPC. א הירינג מוז ווערן געהאלטן נישט מער ווי 20 שולע טעג פון איינגעבן דעם DPC. א החלטה מוז ווערן געמאכט ביז 10 שולע טעג נאכן הירינג.

## 4. אויסגלייך קאנפערענץ

צום סוף פון דער רעזעלוציע פעריאד, קען דער IHO אייך איינלאדענען און דער דיסטריקט צו צוויי זיצונגען נאכאנאד: אן אויסגלייך קאנפערענץ און א פרי-הירינג קאנפערענץ (PHC). ביידע ווערן בדרך כלל אנגעפירט ביי ווידעא קאנפארענץ.

***עס איז וויכטיג זיך אפרופן צו אלע הזמנות פון דער IHO. אייער קעיס קען ווערן אפגעשטופט אדער ארויסגעווארפן אויב איר זענט אייך נישט משתתף.***

ביי אן אויסגלייך קאנפערענץ, וועט אן אויסגלייך אפיציר זיך טרעפן מיט אייך און דעם דיסטריקט צו זען אויב איר קענט אנקומען צו א פולן אדער טייל אויסגלייכונג. אויב איר אדער דער דיסטריקט ווילן זיך פארגלייכן אן א הירינג, זאלן ביידע זייטן קומען צו דער זיצונג מיט די אינפארמאציע און אויטאריטעט נייטיג צו מאכן אן אויסגלייך הסכם.

אויסגלייך קאנפערענצן זענען אומאפיציעל. אלע אויסגלייך פארשלאגן וואס ווערן געמאכן ביי דער קאנפערענץ זענען קאנפידענציאל. דאס מיינט אז אויסגלייך דיסקוסיעס קענען נישט שפעטער גענוצט ווערן אלץ באווייז אין א הירינג.

## 5. קאנפערנץ פארן הירינג

אויב אלע פראבלעמען ווערן נישט געלייזט ביי דער אויסגלייך קאנפערענץ, וועט איר זיך זאפארט פארבינדן אין א קאנפערנץ פארן הירינג (PHC) מיט דער IHO צוגעטיילט געווארן צו דעצודירן אייער קעיס. דער PHC איז רעקארדירט. דערנאך, וועט איר באקומען א באשרייבונג פון אלעס וואס איז געזאגט געווארן אדער א געשריבענע ראשי פרקים פונעם IHO.

בשעת'ן PHC, וועט דער IHO פרעגן פראגעס אזוי ווי

- וואס דארף ווערן באשטעטיגט ביים הירינג?
- ווי וויל עדות וועלן דארט זיין?
- דארף איינע פון די צדדים א "סובפינע" פאר עדים אדער דאקומענטן צו נוצן ביים הירינג? (פרטים'דיגע סובפינע אינסטרוקציעס און סובפינע פארעמס זענען אויפן OATH וועבזייטל.)

דער IHO וועט פרעגן צו איינער דארף האבן שפראך סערוויסעס אדער ארדענונגען בשעת'ן הירינג. ביי דער PHC, טוט דער IHC באשטעטיגן א דאטע פארן הירינג.

## 6. די אנטפלעקונג

כאטש 5 בישנעס טעג פארן הירינג, מוז יעדער צד שיקן די אנדערע זייט אוון צום IHO אלע דאקומענטן וואס זיי ווילן נוצן ביים הירינג. דאס רופט זיך "אנטפלעקונג". אנטפלעקן קען כולל זיין אפשאצונגען, טעסט רעזולטאטן, בריוו, און אנדערע באווייז וואס איר ווילט פרעזענטירן ביים הירינג.

יעדע זייט מוז אויכעט ארויסגעבן די נעמען פון די עדות וואס זיי פלאנירן צו ברענגען עדות זאגן. איר מוזט אין קורצן סומירן וואס יעדער עדות וועט עדות זאגן. אן עדות ליסטע פארעם, און פרטים'דיגע אינסטרוקציעס ווי אזוי דאס צו נוצן, זענען אויף OATHs וועבזייטל.

אנטפלעקונגען פארזיכערט אז ביידע צדדים האבן א ישרות'דיגן געלעגנהייט זיך צוגרייטן פארן הירינג. אויב איינע פון די צדדים פארפעלט צו צושטעלן אנטפלעקונג פון די נעמען פון די עדות כאטש 5 טעג פארן הירינג, קען דער אנדערער צד אפהאלטן דעם באווייז פון ווערן צוגעשטעלט.

## בשעת אייער הירינג

### 1. לאקאציע

הירינגס ווערן בדרך כלל געהאלטן ווירטואליש דורך ווידעא קאנפערענץ אדער טעלעפאניש. זאגט פארן IHO אויב איר ווילט אז אייער הירינג זאל געהאלטן ווערן פערזענלעך.

### 2. עלטערנס רעכטן

ביי א הירינג, האט איר דאס רעכט צו:

- פרעזענטירן באווייז און האבן עדות וואס קומען עדות זאגן,
- פרעגן קשיות, און דורכפארהערן דעם דיסטריקטס עדות
- באקומען א געשריבענעם באריכט פונעם הירינג אָן קאסט
- האבן דארט דעם סטודענט ביים הירינג
- אויפעפענען דעם הירינג פארן ציבור
- זיך אליין רעפרעזענטירן אדער דינגען אן אדוואקט אייך צו רעפרעזענטירן.

### 3. דעם עול צו דערווייזן

לויטן ניו יארק געזעץ, האט דער דיסטריקט דעם תפקיד (דאס רופט זיך אויך "דעם עול") צו פראדוצירן דאקומענטן און משכנע זיין דעם IHO וועגן יעדן עלעמענט פון דער קעיס, מיט איין אויסנאם: עלטערן וואס לייגן זייערע קינדער אין א פריוואטע שולע און פארלאנגט אז דער דיסטריקט זאל צאלן פארן קינדס שכר-לימוד, האבן דעם עול פון משכנע זיין דעם IHO אז א פריוואטע שולע איז דאס ריכטיגע.

צוליב דעם, טוט דער דיסטריקט פרעזענטירן דעם קעיס צום ערשט.

### 4. די אויסשטעלונגען

ביידע זייטן האבן דאס רעכט פארצושטעלן באווייז. באווייז איז כולל דאקומענטן אדער אנדערע אינפארמאציע וואס איר ווילט אז דער IHO זאל נעמען אין באטראכט איידער ער מאכט אן ענדגילטיגע החלטה. (אפשאצונגען, טעסט רעזולטאטן, אימעילס, ווידעאס, באריכטן, א.א.וו.).

אינעם טאג פונעם הירינג, זאל יעדע זייט ברענגען א ליסטע פון אלע באווייזן וואס זיי ווילן אז דער IHO זאל ארייננשטעלן אין דעם אפיציעלן רעקארד; דאס רופט זיך אן "אויסשטעלונג ליסטע". פרטים'דיגע אינסטרוקציעס און א [אויסשטעלונג ליסטע פארעם](#) זענען אויף דער [OATH וועבזייטל](#).

דער דיסטריקט קען זיך קעגנשטעלן אויף טייל אדער אלע אייערע אויסשטעלונגען. אויב עס איז דא א קעגנשטעל, קענט איר מעגלעך דארפן געבן צו פארשטיין וואס דער דאקומענט אדער די זאך איז, ווי אזוי איר האט עס באקומען, און וואס פארא שייכות דאס האט אהער. דער IHO וועט מחליט זיין צו ער וועט ארייננלאזן דעם אויסשטעלונג.

## 5. דער אריינפיר-טענה

אין אנהייב הירינג, קען יעדע זייט אויסוויילן צו מאכן אן אריינפיר טענה. אן אריינפיר טענה איז א געלעגנהייט צו סומירן וועגן וואס דער קעיס איז און וואָסער באוויייז יעדע זייט פלאנירט פארצושטעלן.

אין אריינפיר-טענות, טוען עלטערן אפט מאל פעסטשטעלן פארוואס און ווי אזוי דער דיסטריקט האט נישט צוגעשטעלט פארן סטודענט אן אומזיסטע געהעריגע פובליק עדיוקעישן (FAPE) און וואָסער סארט שולע, קלאס, אדער אנדערע סערוויסעס זענען נייטיג צו פארריכטן דעם פראבלעם.

דער דיסטריקט קען צעווייסן טאן אויב ער גלויבט אז דער דיסטריקט האט צוגעשטעלט א FAPE און פארוואס דער דיסטריקט איז נישט מסכים מיט דער לייזונג וואס די עלטערן שלאגן פאר.

## 6. עדות

נאך די אריינפיר-טענות, האט יעדער צד די געלעגנהייט צו רופן עדות און זיי פרעגן פראגעס. יעדער איינער וואס זאגט עדות ביים הירינג מוזן ווערן איינגעשוואוירן ביים IHO.

די ענטפערס פון די עדות זענען באוויייז און העלן דעם IHO מחליט זיין די פאקטן פון דער קעיס. עדות קענען רעדן וועגן אלצדינג וואס האט א שייכות מיט דער קעיס, ווי אויך דעם סטודענטס אקאדעמישע, סאציאלע, און גייסטישע פעיגקייטן, ווי אזוי אן אפשאצונג אדער IEP זענען אנטוויקלט געווארן, אדער וועלכע סערוויסעס דער סטודענט דארף האבן כדי צו פראגרעסירן.

איר אדער אייער אדוואקאט קענט ווייזן עדות דאקומענטן, אזוי ווי אן אפשאצונג, און קענט פרעגן דעם עדות וועגן דעם דאקומענט.

**דיסטריקט עדות** טוען אפט אריינרעכענען איינעם וואס איז געווען ביים IEP זיצונג, לערערס, טעראפיסטן און אנדערע וואס קענען דעם סטודענט.

- נאך יעדן עדות, וועט דער אנדערע זייט האבן די געלעגנהייט צו "דורכפארהערן" דעם עדות - דאס מיינט איר אדער אייער אדוואקאט קענט פרעגן פראגעס אויף סיי וועלכע טעמע וואס האט א שייכות מיטן הירינג.
- דער IHO קען אויך פרעגן פראגעס פונעם עדות. דער פראצעס חזר'ט זיך איבער ביז אלע עדות ווערן גערופן.

**עדות פון די עלטערן** רעכנען אפט אריין לערערס, צושטעלערס, אפשאצערס, אדער אנדערע וואס קענען דעם סטודענט.

- עלטערן אליין קענען אויך זיין עדות אין זייערע אייגענע קעיסעס. אויב איר האט אן אדוואקאט, קען יענער פרעגן קשיות. אויב איר רעפרעזענטירט זיך אליין, קענט איר מאכן א ליסטע פון פראגעס און איר קענט זיי אליין פרעגן אדער איר קענט בעטן א פריינד אדער דער IHO צו לייענען די פראגעס פאר אייך. איר קענט אויך עדות זאגן אין דער דערציייל-פארעם, דאס מיינט איר קענט פשוט "דערציילן אייער געשיכטע".
- נאכדעם וואס יעדער איינער פון אייער עדות זאגט עדות, וועט דער דיסטריקט האבן דעם שאנס זיי צו דורכפארהערן. דער IHO קען אויך פרעגן קשיות.

## 7. די אויספיר דעקלעראציעס

ביים סאמע ענדע פון דער הירינג, האבן ביידע זייטן די געלעגנהייט צו איבערזאגן וואס זיי בעטן דעם IHO צו באפעלן און צו סומירן דעם געזעץ און די פאקטן (עדות זאגן און די דאקומענטן) וואס שטיצט זייער פאזיציע. אויספיר דעקלעראציעס קענען ווערן געטון פון אויסנווייניג ("אויף דער רעקארד") אין דער ענדע פונעם הירינג אדער שריפטלעך נאכן הירינג.

# נאך אייער הירינג

### 1. טראנסקריפטן

נאכן הירינג, וועט איר באקומען א געשריבענעם פון אלעס וואס איז געזאגט געווארן אויפן רעקארד ביי אייער הירינג. אויב איר דארפט האבן דעם טראנסקריפט צו שרייבן אייער אויספיר דעקלערעציע, קענט איר פארלאנגען פונעם IHO פאר צייט דאס צו טאן.

### 2. די החלטה

נאכדעם וואס דער הירינג ענדיגט זיך, וועט דער IHO ארויסגעבן א געשריבענעם "געפונען די פאקטן און החלטה" (FOFD). אין דער FOFD, וועט דער IHO מחליט זיין צי דער דיסטריקט האט צוגעשטעלט דעם סטודענט מיט א FAPE אדער אנדערע פראבלעמען. אויב דער IHO איז מחליט אז דער דיסטריקט האט נישט צוגעשטעלט א FAPE, וועט דער FOFD זאגן וואס, אויב עפעס, דארף דער דיסטריקט טון צו פארריכטן דעם פראבלעם.

### 3. אפעלירונגען

**IDEA תביעות:** אויב איר זענט נישט מסכים מיט א פענדנעסי באפעל אדער א FOFD, קענט איר אפעלירן צו א סטעיט איבערקוק אפיציר (SRO) פון דער ניו יארק סטעיט עדיוקעישן דעפארטמענט. אויב איר פלאנירט צו אפעלירן, מוזט איר דעם דיסטקריקט לאזן וויסן ביז 25 טעג פון דעם באפעל. איר מוזט איינגעבן די אפעלאציע ביז 40 טעג פון דעם באפעל. דער דיסטריקט מוז נאכפאלגן די זעלבע תקנה אויב עס אפילירט. יעדע פענדענסי באפעל און FOFD איז כולל אינפארמאציע וועגן ווי אזוי צו אפעלירן:

**אפטייל 504 זאגט:** אויב איר זענט נישט מסכים מיטן IHOs החלטה לויטן אפטייל 504, מוזט איר איינגעבן א קעגנשטעל צו דעם אין פעדעראלע דיסטריקט געריכט ביז 90 טעג.

### 4. דורכפירונג

אויב דער IHO באפעלט דעם דיסטריקט צו צושטעלן סערוויסעס אדער באצאלן פאר אנדערע מיטלען, וועט די DOEs אויספיר אפטייל ארבעטן מיט אייך צוזאמען אדער אייער אדוואקאט צו מאכן זיכער אז די DOE פאלגט דעם באפעל. פאר מער אינפארמאציע , באזוכט די [DOE's](https://infohub.nyced.org/working-with-the-doe/special-education-providers/impartial-hearing-order-implementation-unit) [וועבזייטל](https://infohub.nyced.org/working-with-the-doe/special-education-providers/impartial-hearing-order-implementation-unit) ביי [https://infohub.nyced.org/working-with-the-doe/special-education-providers/impartial-hearing-order-implementation-unit.](https://infohub.nyced.org/working-with-the-doe/special-education-providers/impartial-hearing-order-implementation-unit)

## ווער איר דארפן האבן אן פארטייטשער?

אויב איר דארפט האבן א **פארטייטשער** פאר אייער הירינג, וועט אייך OATH צושטעלן איינעם אומזיסט.

דערצו, שטעלט OATH צו אומזיסטע **דאקומענט איבערזעצונג.** אויב איר האט דאקומענטן אין א שפראך אנדערש ווי ענגליש, פרעגט אייער IHO וועגן אומזיסטע איבערזעצונג.

## מער אינפארמאציע

מער אינפארמאציע צום באקומען אין **אן עלטערנס מדריך: ספעציעלע עדיוקעישן אין ניו יארק סטעיט פאר קינדער אין עלטער פון 3-21**, צום באקומען אויפן ניו יארק סטעיט עדיוקעישן דעפארטמענט (NYSED) וועבזייטל https://www.p12.nysed.gov/specialed/publications/policy/parentsguide.pdf

**ניו יארק סטעיט געזעצן און רעגולאציעס** וואס האבן א שייכות מיט ספעציעלע עדיוקעישן און אינוואלידישע סטודענטן זענען אויף NYSEDs וועבזייטל ביי https://www.nysed.gov/special-education/new-york-state-laws-and-regulations-related-special-education-and-students

די אויבנדערמאנטע **OATH פארעמס** געפונען זיך אויף OATHs וועבזייטל ביי https://www.nyc.gov/site/oath/special-ed/forms.page

- **נאטיץ פון זיך באווייזן פארעם:** https://www.nyc.gov/assets/oath/downloads/pdf/SEHD_Notice-of-Appearance-w-instructions-JI.pdf
- **דאקומענט סובפענא (מיט אינסטרוקציעס):** https://www.nyc.gov/assets/oath/downloads/pdf/SEHD_Document-Subpoena-w-intrustions-JI.pdf
- **עדות סובפענא (מיט אינסטרוקציעס):** https://www.nyc.gov/assets/oath/downloads/pdf/SEHD_Witness-Subpoena-w-instructions-JL.pdf
- **אויסשטעלונג ליסטע:** https://www.nyc.gov/assets/oath/downloads/pdf/SEHD-Parent-Exhibit-List-YI.pdf
- **עדות ליסטע:** https://www.nyc.gov/assets/oath/downloads/pdf/SEHD-Parents-Witness-List-YI.pdf
- **ליסטע פון עלטערן צענטערס און אדוואקאט ארגאניזאציעס:** https://www.nyc.gov/assets/oath/downloads/pdf/Parent-Centers-Advocacy-Orgs-YI.pdf